1978

**ד"ר אליהו שולמאַן**

# די וואָס קומען ווי פרעמדע...

## די פאָרשערס און לערערס פון דער יידישער ליטעראַטור אין וויינרייך-צענטער ביים ייוואָ

**(אַן ענטפער אויף אַ בריוו אין „אונזער צייט", מאַי 1978)**

אין מאַי 1976 האָט דער יידישער פען צענטער אין ניו יאָרק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט - ייוואָ, וואו עס איז דערקלערט געוואָרן אַז דער ייוואָ האָט זיך לעצטנס דערווייטערט פון דער יידיש-יידישער קולטור און יידיש-יידישער קולטור-סביבה, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטיטוציע וואו „יידישע ליטעראַטור ווערט באַהאַנדלט נישט ווי אַ לעבעדיקער פאַקטאָר, נאָר ווי אַ פאַרגליווערטער אָביעקט פאַר פאָרשונג".

אַ יאָר שפעטער, דעם 29סטן אַפריל 1977, האָט דער יידישער פען צענטער אָפגעהאַלטן אַ סימפאָזיום וואו מען האָט דיסקוטירט „ווי האַלט עס מיט דער יידישער ליטעראַטור-פאָרשונג היינט צו טאָג?". די אָנטיילנעמער אין סימפאָזיום, שמעון אַפטער, שואל גוטמאַן, ד"ר אליהו שולמאַן און דער דעמאָלסטיקער פרעזידענט פון פען-צענטער, ש. ל. שניידערמאַן, האָבן באַהאַנדלט טאַקע דעם צוגאַנג פון די לערער פון דעם מאַקס וויינרייך-צענטער ביים ייוואָ צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. ש. ל. שניידערמאַן האָט זיין אַריינפיר און רעפעראַט פאַרעפנטלעכט אין עטלעכע נומערן פון „פאָרווערטס". ש. גוטמאַן האָט זיין רעפעראַט פובליקירט אין דער פערטליאָר-שריפט „חשבון" און דער שרייבער פון די שורות האָט זיין רעפעראַט אָפגעדרוקט אין „אונדזער צייט", יאַנואַר 1978. אין מיין רעפעראַט, וואָס פאַרנעמט איבער זעקס זייטן אין דעם זשורנאַל, האָב איך באַוויזן אַז די לערער, וואָס זיינען אויך פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָס גרייטן צו נייע פאָרשערס פאַר אונדזער שפראַך און ליטעראַטור, גייען צו צו דעם ענין ווי פרעמדע מענטשן, מיט אַ קאַלטער, נעגאַטיווער באַציאונג און באַטראַכטן טאַקע אונדזער ליטעראַטור און לשון נאָר ווי פאַרגליווערטע אָביעקטן פאַר פאָרשונג. מיט אילוסטראַציעס פון די אַרבעטן פון ד"ר ראָסקעס, ב. הרושעווסקי, חנא שמערוק, און ספעציעל דן מירון, האָב איך באַוויזן אַז זיי טייטשן אויס דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור פון אַ קוק-ווינקל וואָס האַרמאָנירט ניט מיט די פאַקטן, אַז זיי האָבן אַ פאַרטייאישן צוגאַנג — און ספעציעל דן מירון באַציט זיך בפירוש קעגנעריש אי צו יידיש, אי צו דער ליטעראַטור וואָס איז אויף דער שפראַך געשאַפן געוואָרן. מירון האָט אויפגעזוכט יעדן פיינטלעכן אויסדרוק וואָס יידישע שרייבערס האָבן ביי געוויסע געלעגנהייטן באַנוצט בנוגע יידיש — עס צעלייגט אויף טעלערלעך, און באַוויזן כלומרשט ווי יידישע שרייבערס האָבן פיינט געהאַט אי יידיש אי די יידישע ליטעראַטור. איך האָב אויך באַוויזן מיט פאַקטן אַז פראָפ. שמערוק, וועמען מען דאַרף פון דעסטוועגן ניט פאַרגלייכן מיט מירונען — טייטשט אויס די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון אַ העברעאיסטישן קוקווינקל. זיין צוגאַנג אונטערשיידט זיך ניט נאָר פון מאַקס וויינרייכן, מאַקס עריקן, נייערט אויך פון אַזאַ טראַדיציאָנאַליסט ווי ישראל צינבערג — וואָס האָט באַוויזן אַז דער בראשית פון דער יידישער ליטעראַטור איז אויפגעקומען אי פון אינעווייניקסטע יידישע קוואַלן אי פון אויסערלעכע מקורים.

אויף מיין אָפגעדרוקטן רעפעראַט האָט געענטפערט שאָשקע ערליך וואָס איז פאַרבונדן מיטן ייוואָ און מיט דעם מאַקס וויינרייך-צענטער. איר אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין „אונזער צייט", נומער פון מערץ-אַפריל 1978, זייטן 49-50. יעדער איינער וואָס האָט געלייענט מיין רעפעראַט און דעם ענטפער פון דער חשובער שאָשקע ערליך, האָט גלייך געזען אַז זי האָט אָנגעשריבן אַ „פובליסיטי"-אַרטיקל וועגן ייוואָ — און זי האָט ניט נאָר ניט געענטפערט צו דער זאַך, נייערט זי האָט ניט אויפגענומען קיין איין פראָבלעם וואָס איך האָב באַהאַנדלט אין מיין

רעפּעראַט. אין „אונזער צייט״ פון מאַי 1978 האָב איך פאַר־עפנטלעכט אַ בריוו אין רעדאַקציע — וואָס איך גיב דאָ איבער:

איר אַרטיקל „דער מאַקס ווײַנרייך צענטער פאַר העכערע יידישע שטודיעס ביים ייוואָ״ (אונזער צייט, מערץ־אַפּריל 1978) הייבט אָן שאָשקע ערליך מיט דעם פּאַראַגראַף: „אין יאַנואַר־נומער פון אונזער צייט איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון ד״ר אליהו שולמאַן א. נ. אויף פרעמדע וועגן מיט טענות צום ייוואָ. איך האַלט פאַר מיין חוב לגבי די לייענער פון בונדישן זשורנאַל צו זאָגן אַז די אינפאָרמאַציע פון יענעם אַרטיקל איז נישט אין הסכם מיט דער ווירקלעכקייט״.

האָב איך מיט גרויס אויפמערק און מיט אָפּגעהיטקייט איבערגעלייענט עטלעכע מאָל איר אַרטיקל — און כ׳האָב דאָרטן נישט געפונען קיין איין זאַץ אָדער וואָרט, וואָס זאָל אַפילו אָנ־טייטן אַז מיין אַרטיקל איז ניט „אין הסכם מיט דער ווירקלעכ־קייט״. די חשובע שאָשקע ערליך האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן ייוואָ, אָבער זי האָט ניט באַרירט קיין איין פּראָבלעם, וואָס איך האָב באַהאַנדלט אין מיין אַרטיקל. דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, זען יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט מיין אַרטיקל און איר ענטפער.

איך בעט טאַקע די לייענער פון אונזער צייט זיי זאָלן נאָך אַ מאָל איבערלייענען מיין אַרטיקל און ש. ערליכס ענטפער און זאָלן זיי מישפּטן צי זי האָט אויף וועלכן עס איז אופן באַוויזן, אַז מיין אָפּהאַנדלונג וועגן כאַראַקטער פון ייוואָ שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט, און צי זי האָט אַפילו פּרובירט צו באַרירן די אַלע אָדער אַפילו איינע פון די פּראָבלעמען, וואָס איך האָב באַהאַנדלט.

מיט גרוס,

ד״ר אליהו שולמאַן.

אָבער אין דעם זעלביקן נומער „אונזער צייט״ איז פאַר־עפנטלעכט נאָך אַ „בריוו אין רעדאַקציע״ וועגן זעלביקן ענין פון ד״ר שרה־חנה זלאַטניק און חנה נאָריך.ביידע שרייבערינס גיבן אָן זייערע טיטולן: די ערשטע, אַז זי איז אַ לערערין פון יידישער ליטעראַטור ביי דעם מאַקס ווײַנרייך צענטער און די צווייטע, אַז חוץ דעם וואָס זי איז אַ לערערין פון ענגלישער ליטעראַטור אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט, איז זי אויך אַ סטי־פּענדיאַנטן פון מאַקס ווײַנרייך צענטער — (אַלזאָ) בכן, ביידע זיינען פאַרבונדן מיטן ווײַנרייך־צענטער. חוץ דעם האָט ש. ח. זלאַטניק געשריבן איר דיסערטאַציע אונטער דער השגחה פון דן מירונען, און זי האַלט זיך אין איין פאַררופן אויף אים. אַזוי, למשל, זאָגט זי אויף זייט 12 פון איר דיסערטאַציע, אַז איר דיסקוסיע וועגן „דירעקטער נאַראַציע פון מחבר״ איז באַ־זירט אויף מירונס בוך, און זי שיקט אָפּ דעם לייענער פאַר אַ דיסקוסיע וועגן דער רעטאָריק פון אַקסענפעלדס „שטערנטיכל״ און ליניעצקיס „דאָס פוילישע ייִנגל״ צו מירונס בוך. אויף זייט 14 שיקט זי אויך דעם לייענער צו לייענען מירונס בוך וואו ער רעדט וועגן פּרצן, און אַזוי ווי חנה נאָריך האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע פון ווײַנרייך־צענטער — מוז זי אויך שרייבן איר אַרבעט אונטער דער השגחה פון דעם זעלביקן מירונען. אַזוי אַז קיין אָביעקטיוון ענטפער קאָן מען פון ביידע חשובע פאָרשערינס ניט דער־וואַרטן. בכלל ענטפערן זיי ניט אויף מיינע טענות.

זיי פאַרזיכערן אַז די לערערס פון דער יידישער ליטעראַ־טור אין ווײַנרייך־צענטער ווענדן אָן שטרענגע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן און זיי זאָגן אַז פאַר זיי איז „אוממעגלעך צו גלייבן אַז אַ וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג איז אַ כלי־זין געווענדעט קעגן אַ ליטעראַטור, מיט בייזע כוונות. מיר מיינען אַז עס איז פּונקט פאַרקערט, ווען מע ווענדט זיך צו אַ ליטעראַטור מיט היינט־צייטיקע מעטאָדן פון פאָרשונג גיט מען איר אָפּ כבוד״. בין איך דען קעגן וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן? אָבער וואָס איז עס פאַראַ וויסנשאַפט ווען מען נישטערט אויס אַלץ וואָס איז גע־זאָגט געוואָרן קעגן זשאַרגאָן — און מען בויט אויף דעם גאַנצע טעאָריעס? וואָס איז עס פאַר אַ וויסנשאַפט ווען מען שרייבט אַז מענדעלע האָט געהאַלטן אַז יידיש איז אַ פרעמדע פרוי און די יידישע ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאַר אירע אומגעזעצ־לעכע קינדער, און אַז ער, מענדעלע, האָט באַטראַכט זיין שרייבן יידיש ווי „פּראָמיסקיואָס״, וואָס אוריאל ווײַנרייך טייטשט אויס ווי סעקסועל ניט איבערקלייבעריש״, „מופקרדיק״. איז עס וויסנ־שאַפטלעך ווען מען זאָגט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט גע־האַט די מיגלעכקייטן נאָר אויסצופילן די בלויזן, די לעכער, וואָס העברעאיש און די העברעאישע ליטעראַטור האָט פאַר

---

איליאַ פאַלקאָוו

זאַכן. איך האָב שוין אַזוינע גוטע לאַטקעס ניט געגעסן יאָרן.

די גאַס איז פול מיט יידן אַנגעטאָן אין חסידישע טראַכטן, מיט בערד

איר, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, איבערגעלאָזן? אין אַנדערע ווערטער, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ מין אַפּענדיקס צו דער העברעאישער. אָדער איז עס וויסנשאַפטלעך ווען מען זאָגט „אַז שלום עליכם איז געווען אַ דריי־שפּראַכיקער שרייבער, ער האָט געשריבן יידיש, העברעאיש און רוסיש” (פּראָפ. ח. שמערוק). אַזאַ דערקלערונג, געמאַכט אויפן סמך פון דעם וואָס שלום עליכם האָט געשריבן, אפשר צופעליק, עטלעכע דערציילונגען אויף העברעאיש און רוסיש, איז בפירוש ניט אָביעקטיוו און צילט צו דערנידעריקן דעם כבוד אי פון שלום עליכמען אי פון דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס שייך זייער פאַרטיידיקונג פון פאָרמאַליזם, וואָס געוויסע לערער אין דעם וויינרייך־צענטער ווענדן אָן, און זייער דערקלערונג אַז פאָרמאַליסטן מאַכן ניט קיין אונטערשייד צווישן פאָרעם און אינהאַלט — וויל איך דאָ איבערחזרן אַז דער פאָרמאַליזם גיט זיך אָפּ דערהויפּט מיט פאָרעם — אַז פאָרמאַליסטן לייענען אַריין אין טעקסט זאַכן וואָס זיינען אין טעקסט גופא ניטאָ, און טייטשן אַריין דאָס וואָס עס פעלט זיין איין; אַז די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער קריטיקער ווי לייאָנעל טרילינג, עדמונד ווילסאָן, אַלפרעד קייזין האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן פון דער דאָזיקער אומשעפערישער מאָדע, און אַז די אַמעריקאַנער שיטה פון „דער נייער קריטיק”, וואָס איז געווען אַ מין המשך פון רוסישן פאָרמאַליזם — איז שוין אויך לאַנג פאַרביי (זען, למשל, די אָפּהאַנדלונג „דהי היסטאָריסיטי אָוו פרייס אַנאַטאָמי” פון פראַנק לענטריטשיא, אין פערטליאָר־שריפט „סאַלמאַגונדי”, נומער 40, ווינטער 1978). וועגן אַזאַ מעטאָדע האָט לעצטנס אַן ענגלישער קריטיקער געזאָגט: „איך פיל אַז זייער אינטערעס אין ליטעראַטור איז ניט צוליב וועלכן עס איז הומאַניסטישן אינטערעס אין ליטעראַטור — און ווי אַ צענטראַלע פאָרעם פון מענטשלעכן אויסדרוק — נייערט צוליב אַ מין אינטעלעקטועלן אַרויסרוף צו לינגוויסטיק” (בערנאַרד בערגאַנזי).

די חשובע מחברינס זאָגן, אַז עס קלינגט מאָדנע מיין טענה אַז „ד״ר ראָסקעס מוז מסתמא מיינען „בעל־מחשבותן, ניגערן, ישראל צינבערגן, זלמן רייזענען, מאַקס וויינרייכן, מאַקס עריקן און י. י. טרונקן ווען ער רעדט וועגן די פּאָפּולאַריזאַטאָרס און די סענטימענטאַליסטן פון דער יידישער ליטעראַטור”. דערנאָך זאָגן זיי, אַז „ס׳איז גאַנץ קלאָר אַז די פּאָפּולאַריזאַטאָרס און סענטימענטאַליסטן זיינען דווקא די וואָס ווילן נישט צוגיין מיט וויסנשאַפטלעכע מכשירים וואָס די אויבן־דערמאָנטע קריטיקערס האָבן געניצט, און וואָס מיר, אויף אונדזער שטייגער, ווילן אויך ניצן”. כדי קלאָר צו מאַכן וועגן וואָס זיי ריידן וועל איך זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ד״ר ראָסקעס איז אַסיסטענט פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין דעם לערער־אינסטיטוט ביים יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. ווען ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ לערער דאָרטן האָט דער טעאָלאָגישער סעמינאַר אַרויסגעגעבן אַ קאָמוניקאַט וואָס האָט דערקלערט, אַז ד״ר ראָסקעס זאָגט צו אַז זיין קורס „וועט זיין צום ווייניקסטן אַ פאַרזוך צו ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור פון אירע פּאָפּולאַריזאַטאָרס, סענטימענטאַליסטן... און צוריקצושטעלן אין דעם הויפּטשטראָם פון יידישן קולטורעלן אויסדרוק”. אין מיין אַרטיקל „אויף פרעמדע וועגן” האָב איך געהאַט געשריבן אַז אַזוי ווי אין טעקסט פון קאָמוניקאַט ווערט ניט געזאָגט ווער עס זיינען די פּאָפּולאַריזאַטאָרס און סענטימענטאַליסטן — און אַזוי ווי וועגן דער יידישער ליטעראַטור האָבן געשריבן די פריער דערמאָנטע בעל־מחשבות, ניגער, צינבערג, ז. רייזען, וויינרייך, עריק, י. י. טרונק — מוז ער זיי מיינען. די חשובע שרייבערינס זאָגן אַז זיי באַנוצן זיך „מיט די וויסנשאַפטלעכע מכשירים וואָס די אויבן־דערמאָנטע קריטיקערס האָבן געניצט, און וואָס מיר, אויף אונדזער שטייגער ווילן ניצן”. וואו? און ווען? ד״ר ראָסקעס האָט אין „די גאָלדענע קייט”, נומער 94, אָפּגעדרוקט זיין רעפעראַט „הויפּט־שטראָמען פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג”, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי אַ ייוואָ־קאָנפערענץ. אין רעפעראַט איגנאָרירט ער אַלע פון די פריער־דערמאָנטע פאָרשערס — ער דערמאָנט און ציטירט דב סדנען — פיר מאָל, מירונען — זיבן מאָל, ח. שמערוקן צוויי און צוואַנציק מאָל. אין דעם זעלביקן רעפעראַט האָט טאַקע ראָסקעס געזאָגט אַז „זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ישראל געוואָרן דער נייער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג”. אַזוי אַרום איגנאָרירט ער ניט נאָר די אויפטואונגען פון די פריער דערמאָנטע, נייערט אויך אַ צאָל פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס אַרבעטן היינט

צו טאָג — אָבער זייַנען ניט מסכים מיט מירונען און שמערוקן.

וועגן ראָסקעסן וויל איך זאָגן אַז ער איז אַן ערנצטער און ערלעכער יונגער־מאַן, נאָר ער לאָזט זיך פאַרפירן פון די ישראלדיקע פאָרשערס, דערהויפּט פון מירונען. אין זיין דיסערטאַציע וועגן א. מ. דיקן האָט ראָסקעס צונויפגעקליבן אַלע דיקס נעגאַטיווע אויסדרוקן וועגן יידיש, אָבער ער האָט אויסגעלאָזן אַ זאַץ אין אַ דערציילונג וואו דיק האָט געשריבן: „דער זשאַרגאָן האָט אויך וואָס שיינעס אין זיך, אַזוי גאָר וואָס צירליכעס, רירנדיקעס, מען קאָן אין אים אויך שפּרעכן צום האַרצן“.

די חשובע שרייבערינס זאָגן ווייטער אין זייער בריוו, אַז די אַלע מענטשן וועגן וועמען איך רעד „האָבן אָן אויסנאַם געשריבן אי גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור און קולטור דווקא אויף יידיש“. מירון שרייבט נאָר אויף העברעאיש און ענגליש, ער האָט קיינמאָל ניט געשריבן אויף יידיש. זיינע זאַכן וואָס זייַנען פּובליקירט געוואָרן אויף יידיש זייַנען איבערגעזעצט געוואָרן. אַנוסטן האָט ער אין ייוואָ געלייענט אַ רעפעראַט אויף יידיש. אָבער דער רעפעראַט איז, ווי ער האָט אַליין דערקלערט, פאַר אים איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש — און דער טעקסט איז געווען געשריבן פאַר זיין באַקוועמלעכקייט — מיט לאַטיינישע אותיות. אַגב, לעצטנס האָט מירון אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען אין דער העברעאישער וואָכנשריפט „הדואַר“ וועגן שלום עליכמען. ער גיט דאָרטן אַן עקסטרעם־לינקע אויסטייטשונג פון שלום עליכמס שאַפן. אַזאַ צוגאַנג האָט מען אין רוסלאַנד אַפילו אין סטאַלינס צייטן גערופן אַ לינקאַטשן־צוגאַנג.

די חשובע שרייבערינס פאַרענדיקן זייער בריוו אַז מיר פאַרשטייען ניט „ד״ר שולמאַנס מיינונג אַז די לערערס (פון ווייַנרייך צענטער) ווירקונג אויף דעם יידישן קולטור־לעבן איז זעראָ“. ניט נאָר איז די ווירקונג פון די לערערס אויף דעם יידישן קולטור־לעבן זעראָ — נייערט אויך פון די תלמידים און די תלמידות. שרה־חנה זלאָטניק און חנה נאָריך דערמאָנען דאָס אויספּלאַנירן פּראָגראַמען פון יידישער ליטעראַטור און יידישע לימודים, צוזאַמענשטעלן אַן אַטלאַס פון דער שפּראַך און קולטור פון די אַשכנזישע יידן. פלענער ווי צו לערנען יידישע ליטעראַטור און יידישע לימודים — האָבן אויסגעאַרבעט אויך לערער פון אַנדערע אוניווערסיטעטן און סעמינאַרן. אַן אַטלאַס איז פון קנאַפּער באַטייטונג פאַר דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך און קולטור. די סטודענטן פון ווייַנרייך־צענטער שרייבן זייערע אַרבעטן אויף ענגליש, מען זעט זיי ניט אויף וועלכע עס איז יידיש־יידישע באַגעגענישן, זיי זייַנען ניט אַקטיוו אין דער יידיש־יידישער קולטור־סביבה — און זייער ווירקונג איז, צום באַדויערן, פּאָרט ניט מער ווי זעראָ.

**איש יאיר**

# נישט דו האָסט מיך אין נאַרן־לאַנד געבראַכט

## (סאָנעט)

נישט דו האָסט מיך אין נאַרן־לאַנד געבראַכט —
געבראַכט אַהער האָט מיך מיין גאָט, מיין האַר.
דער אייבערשטער האָט מיך געמאַכט צום נאַר,
דעם שכל אָפּגענומען, אויסגעלאַכט,
אַן אויסגעהוילטן שאַרבן, אויסגעטראַכט.
דו מיינסט, פון זינען כ׳בין אַראָפּ, פון צער?
וואָס קען מען זיך דען ריכטן פון אַ נאַר,
געמאַכט צו שפּאָט פון דעם וואָס אייביק וואַכט?

וואָס פלוידער איך אַזוי ווי אָנגעדרייט,
ווי איך אַליין פאַרפּלאָנטערט בין, פאַרדרייט!
אַ ליד גייט אויף אויס טראָפּעלעך פון פרייד,
און לײדיקייט געבערט נאָר ניין מאָס רייד.

נישט דו האָסט מיך צו נאַרן־שטאַנד געבראַכט —
מיין פּוסטן היינט, כ׳האָב נעכטן אויסגעטראַכט.